קאַמפּאַני): „אַ זמרל" פון אהרן צייטלין, מוזיק־בוגאַטש, „נאַכט־אידיליע" פֿון דילאָן, מוזיק־געלבאַרט, „אַ מזלדיקע שעה" פֿון שעכטער, „יאָסל בער" פון מאַנגער, מוזיק — קיפּניס, „וואָ־לעכל", פֿאָלקסליד — מוזיק וואָלאָוויטש. (דורך אינטערנעשאָנאַל רעקאָרדס): „די נאַכט" פון פּרץ הירשביין, מוזיק — ליו סטעף, „אַ טענה" (חסידיש), „אין דער פינסטער" פון זישע לאַנדוי, מוזיק — בראָדין, „יאָסל קלעזמער" פון נפתלי גראָס, מוזיק — פיינגאָלד. (דורך סטינסאָן רעקאָרד קאָמפּ.): „אַליין" פון ה. רויזענ־בלאַט, מוזיק — געלבאַרט, „פּאַרטיזאַנען־ליד" פון הירש גליק מוזיק — פּראָקראָס, „דער האָן" פון לייב קוויטקאָ, מוזיק — מאַנדעלבוים, „דער טאַטע האָט די מאַמע גענומען" (בראָדערזינ־גער). (דורך אינטערנעשאָנאַל): „ביים ברעג ים" פון עליזה גרינ־בלאַט, מוזיק אַראַנזשירט בראָדין, דאָס ישראל־ליד „האָראַ", „ס׳וועלטל איז ניט אַזוי איי איי", מוזיק אַראַנזשירט בראָדין, „ליד פון אַן אַלטן בחור" (אוקראַיִניש), און 5 רוסישע פֿאָלקס־לידער. (דורך קאָלאָמביאַ רעקאָרדס) אַ צאָל אָפּערע־אַריעס.

ב. האָט אויך רעקאָרדירט 4 לאַנג־שפּילנדיקע רעקאָרדס פון לייוויקס פּאָעזיע, אַרויסגעגעבן פאַר בלינדע דורכן ברעיל אינ־סטיטוט.

ש. ע.

י. ראַבינאָוויטש — דער בראַדין־זלאַטין קאָנצערט, „קענעדער אַדלער", מאָנט־רעאַל, 3 אַפּריל 1935.

## זלאַטין, זעלדע

### [הילדאַ שוואַרץ]

געבוירן 1906 אין ניו־יאָרק, אַמע־ריקע. ז. איז געווען „דאָס וואונדער־קינד פון יידישן טעאַטער". צו 8 יאָר האָט זי אָנגעהויבן שפּילן קינדער־ראָלן אין „לע־נאָקס"־טעאַטער (ביי גאָלדבערג און דזשיי־קאָבס), דערנאָך מיט בערטאַ קאַליש, דזשייקאָב פּ. אַדלער, מאַקס גאַביל און אין „יידישן קונסט־טעאַטער" מיט מאָריס שוואַרץ א״נ שוואַרץ און שפּעטער אַלס סוברעטין אין „ראָלאַנד"־טעאַטער, און מיט מאַלי פּיקאָן. אַ סעזאָן געשפּילט יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן און צוריקקומענדיק אין ניו־יאָרק פאָרטגעזעצט איר מוזיקאַלישן שטודיום אין מאַנהעטן סקול אָוו מוזיק און אַריבער צו קאָנצערטן פון הומאָר און סאַטירע, ווי אויך אַלס פּיאַנאָ־סאָליסטין און אַקאָמפּאַניאַטאָרקע.

צו אירע פּאָפּולערסטע נומערן געהערן: „דאָס מעסערל" פון שלום עליכם, „אַ טשאָקאָלאַדן שאַפּ" פון פאַרבער, „די מומע ביילע" פון כאַווער־פּאַוער און מאָנאָלאָגן פון משה נאַדיר.

ז. האָט אַרויסגעגעבן די רעקאָרדס „בר מצוה" (סאַטירע), „שכנים", סאַטירע), „בוקאָווינע" (אַ דערציילעריש פֿאָלקס־ליד) און „מאַזורקע" פֿון א. לוצקי, אַראַנזשירט פון איר.

צוזאַמען מיט מאַקסים בראָדין פירט זי אויך דורך אין אַן איינאַקטער פּרץ הירשביינס „גרינע פעלדער".

י. ראַבינאָוויטש שרייבט נאָך אירס אַ קאָנצערט אין מאָנטרעאַל: „מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן קיין בעסערן נחת־רוח ווי צו הערן זעלדע זלאַטינס קינסטלערישע אויסטייטשונג פון יידישן הומאָר".



דער „פאָרווערטס" שרייבט נאָך אַ קאָנצערט:

„די שוישפּילערין זעלדע זלאַטין האָט געהאַט אַ טאָפּלטע אויפגאַבע אי פון אַ פאָרלייענערין אי פון דער פּיאַנאָ־באַגלייטערין צו מרים בערנעט. זעלדע זלאַטין האָט אַ סך צוגעגעבן צו דער אינטערעסאַנטער פּראָגראַם מיט איר אויסשפּילן די מאָנאָלאָגן פון אליעזר שטיינבאַרג, שלום־עליכם און פון דעם פּאָעט יעוו־טושענקאָ — די פּאָעמע „באַבי יאַר". העכסט געלונגען איז געווען דער הומאָריסטישער נומער „די מומע ביילע" פון כאַווער־פּאַוער. אין דעם בילד האָט זעלדע זלאַטין אויסגעשפּילט, אויף אַ קאָמיש־האַרציקן אופן, יידישע געשטאַלטן פון דער אַלטער היים און אַ יידישע חתונה. שטאַרק געלונגען איז געווען דאָס איבערדערציילן, פאַרקירצט, שלום־עליכמס „דאָס מעסערל"."

ש. ע.

[—] — זעלדע זלאַטין קאָנצערט, „פאָרוו.", נ. י., 17 נאָוו. 1967.

## אַבעלמאַן, מרדכי

[געב. 25 מאַי 1909 — געשט. 2 דעצעמבער 1969]



געבוירן 25 מאַי 1909 אין וואַרשע. נאָך אַלס יוגנטלעכער האָט ער זיך אָנ־געשלאָסן אין אַ דראַמאַטישן קרייז, וווּ ער האָט אַרויסגעוויזן בינע־פעיִקייטן. אַ לענגערע צייט האָט ער געשפּילט אין וואַרשע א״א פון יעקב און לאה ראָטבאַום.

אַנטלאָפן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פון פוילן, איז ער נאָך לאַנגע וואַלגערנישן אָנגעקומען אין סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין אידאַ קאַמינסקאַס טרופּע און מיט איר אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און געשפּילט יידיש טעאַטער. נאָכן סוף פון דער מלחמה, איז א. אָנגעקומען אין די יידישע קעמפּס אין דייטשלאַנד און דאָרט אָנגעפירט מיט דער טעאַטער־טרופּע „בדרך". אונטער זיין דירעקציע איז די טרופּע אַרומגעפאָרן איבער די די פּי קעמפּס מיט גרויס דערפאָלג ביי די אָפּגעראַטעוועטע שארית הפליטה.

וועגן דעם שרייבט נאָרבערט האָראָוויץ:

„די יידן פון דער שטאָט בערלין און פון בערלינער „די פּי״־לאַגער האָבן געהאַט זייער אייגענעם טעאַטער. דער אַנסאַמבל האָט זיך גערופן „בדרך" [אין וועג], און (האָט) אויפגעפירט צווישן אַנדערע גרויסע פאָרשטעלונגען, ווי, למשל, „דער גיבור איז קייטן" פון וויקטאָר הוגאָ. אירע אָנפירער זיינען געווען די פּראָ־פעסיאָנעלע שוישפּילער מרדכי אַבעלמאַן (היינט אין שיקאַגאָ) און דוד מינסטער, אַן אַקטיאָר פון וואַרשעווער „יונג טעאַטער" (היינט אין לאָס־אַנדזשעלעס). די איבעריקע אָנטיילנעמער זיינען געווען אַמאַטאָרן, אָבער זייער אַרבעטסזאַמע און טאַלענטפולע „בדרך" האָט געגעבן זיינע פאָרשטעלונגען אין אַלע לאַגערן פון דער אַמעריקאַנער און ענגלישער זאָנע מיט אַ נישקשהדיקן דערפאָלג. זיי האָבן מיטגעפירט פון בערלין אַ גרויסן אַנסאַמבל מיט קאָסטיומען און רעקוויזיטן. דער עולם האָט אָפּגעשאַצט זייער מיפולע אַרבעט, וואָס האָט געמוזט אַריינגעלייגט ווערן אין די שווערע ספּעקטאַקלען.

אַנגעהויבן האָט דער „בדרך“ [געגרינדעט אין יוני 1946] מיט צוויי רעווי־פּאַרשטעלונגען א״נ „די שונאים אויף צו להכעיס“ און „מיטן וואַנדערשטאָק אין האַנט“. אין די פּאַרשטעלונגען האָבן זיך באַטייליקט: מ. אַבעלמאַן, ב. בעקער, מ. גראָסמאַן, י. לובעלסקי, מ. רוס, מ. לובעלסקי, ד. מינסטער, פ. קאַמעניעצקאַ און ה. פריישקאַט. אין פּראָגראַם „שונאים אויף צו להכעיס“ זיינען אַריינגעגאַנגען קליין־קונסט־נומערן פון „אררט“ און „אַזאַזעל“ (כמעט אַלע דראַמאַטישע קרייזן און טעאַטער־גרופּעס האָבן זיך באַנוצט מיט דעם מאַטעריאַל, ווייל אַלע געוועזענע קאַצעטלער, וואָס שטאַמען פון פּוילן, האָבן דעם רעפּערטואַר געדענקט צום בעסטן) און אייניקע נייע רעווי־נומערן. ...די [צווייטע] פּראָגראַם איז געווען מער פּראָפעסיאָנעל געבויט ווי די ערשטע, ווייל „מיטן וואַנדערשטאָק“ האָט געהאַט איין רעזשיסער מיט אַ גוטן געשמאַק און גענוג טעאַטער־רוטין (מ. אַבעלמאַן). ...דער אַנסאַמבל איז געווען געבויט אויף קאָמערציעלע, פּריוואַטע יסודות און איז וואָרם אויפגענומען געוואָרן דורכן עולם. „בדרך“ האָט אויסגעמיטן ניבול־פּה, זיך באַנוצט מיט אַ בעסערן רעפּערטואַר, אַ גוטע שפּראַך, געהאַט גוטע קאָסטיומען און דעקאָראַציעס. אין טור האָט דער „בדרך“ געשפּילט דעם „גבור אין קייטן“ און זיין לעצטע אויפפירונג איז געווען מאָליערס „דער איינגעבילדעטע קראַנקער“ (רעזשי מ. אַבעלמאַן). „דער קראַנקער“ איז געווען די לעצטע פּיעסע.

...די בערלינער יידישע צייטונג „אונדזער וועג“ פון 18 יולי 1947 האָט זייער געלויבט די אויפפירונג און באַזונדערס דעם רעזשיסער מ. אַבעלמאַן. די צייטונג שרייבט: „אויסגעצייכנט איז די רעזשי. מען פילט עס במשך פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג. יעדע באַוועגונג איז אויסגערעכנט און יעדער שוישפּילער איז אויף זיין פּלאַץ. די 5 סצענעס פון ערשטן אַקט זיינען ממש פערלאַז צוזאַמענגעבונדן. די דעקאָראַציעס זיינען געמאַכט פּאַכמעניש, מיט אַ סך געשמאַק און אויסגעהאַלטן אין סטיל פון דער צייט“.

אין 1948, ווען די עמיגראַציע־מעגלעכקייטן זיינען געוואָרן רעאַל, האָבן די מיטגלידער פון „בדרך“ באַשלאָסן וואָס גיכער צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד“.

עטלעכע יאָר שפּעטער איז א. געקומען אין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין שיקאַגע, ווו ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין יידישע קולטור־אַרבעט און זיך געשטעלט אין דער שפּיץ פון אַ גרופּע, וואָס האָט פאַרשפּרייט יידישע קולטור צווישן די ניי־געקומענע. ער האָט אויך געהאָלפן גרינדן די שלום־אָרגאַניזאַציע פון די ניי־געקומענע.

אַ שטיקל צייט האָט א. געשפּילט יידיש טעאַטער אין שיקאַגע אונטער דער לייטונג פון דינה האַלפּערן, דערנאָך, האָט ער אַליין געגרינדעט אַ דראַמאַטישע גרופּע, מיט וועלכער ער האָט אויפגעפירט פאַרשיידענע טעאַטער־שפּילן, וואָס די לעצטע איז געווען דער רעוויו „ציפּ צאַפּיקל“.

דעם 2 דעצעמבער 1969 איז א. געשטאָרבן אין שיקאַגע.

ש. ע. פון בנימין קאַץ.

נאָרבערט האָראָוויץ — יי״יש טעאַטער פון דער שארית הפליטה, „פון נאָענטן עבר“, ניו־יאָרק, 1955, זז. 152־149.

לעאָן זייפמאַן — צו די שלושים נאָך מרדכי אַבעלמאַן, „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“, נ. י., 2 פעבר. 1970.



# קאָווענסקאַ, עטל



געבוירן 1924 אין זשעטל, גראָדנער גוב. פאָטער, אַ בראַקער אין אַ וואַלד. געקראָגן אַ נייגונג צו קונסט פון איר מוטערס צד, וועמנס פאָטער איז געווען אַ בדחן, הגם ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער. זיינע בריוו און זיינע רייד זיינען געווען אין גראַמען. די מוטער פלעגט מיט גרויס דערפאָלג זיך באַטייליקן אין אָרטיקן דראַמקרייז, ווו זי האָט באַקומען אַזאַ נאָמען, אַז די „ווילנער טרופּע“ האָט איר פאָרגעלייגט דאָרט אַריינצוטרעטן, וואָס זי האָט אָבער, צוליב פאַמיליע־אורזאַכן אָפּגעוואָרפן. אין עלטער פון 7 יאָר האָט ק. זיך באַטייליקט אויף רוסיש אַלס „אַלבערט“ אין גאָרדינס „קרייצער סאָנאַטאַ“ פון אַ גאַסטראָלירנדיקער רוסישער טרופּע. הגם פאַרליבט אין צויבער פון טעאַטער, וואָס זי האָט געזען, האָט זי אָבער געפילט אַ ווידערווילן צום יידישן טעאַטער צוליב דעם שונד־רעפּערטואַר, וואָס די גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס האָבן אויפגעפירט אין שטעטל. איר מוטער אָבער, וואָס האָט אין איר געזען אַן אַקטריסע, האָט דורך איר ברודער זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיטן שוישפּילער מיכאָעלס און ק. איז אַריינגעטראָטן אין טעכניקום ביים טעאַטער.

„שוין פון די ערשטע טריט אין דער סטודיע, — **דערציילט איר לערער, דער פאָלקס־אַרטיסט בנימין זוסקין, —** האָט די יונגע עטל זיך אויסגעצייכנט אויף די למודים פון סצענישער פּראַקטיק. רייכע אינטויציע, טיפער באַנעם, אומיטלבאַרקייט, צאַרטע האַרציקייט, פאָלקסטימלעכקייט, פּשטות [איינפאַכקייט] — אָט די זעלטענע אייגנשאַפטן פון אַן עכטער, פון דער נאַטור־געבענטשטער, אַקטיאָרישער פּערזענלעכקייט מיט וועלכער אַן אמתער אַקטיאָר ווערט געבוירן, האָט עטל אַרויסגעוויזן שוין אין אירע ערשטע שילער־עטיודן ...דעריבער איז קיין חידוש [וווּנדער] ניט, וואָס ש. מיכאָעלס האָט איר פאַרטרויט אַזאַ ראָל ווי רייזל ספּיוואַק אינם ספּעקטאַקל „בלאָנדזשענדע שטערן“, דאַמאָלט ווען ס׳איז נאָך קיין יאָר ניט דורכגעגאַנגען זייט ק. איז געוואָרן אַ שילערין פונם טעאַטראַלן טעכניקום, און זי האָט באַרעכטיקט די האָפענונגען. ...ביז היינטיקן טאָג האָט ק. באַשאַפן פיר אינטערעסאַנטע יוגנטלעכע פרויען־געשטאַלטן. רייזל ספּיוואַק אין „די בלאָנדזשענדע שטערן“ (1941), די גימנאַזיסטקע בעטי שאַפּיראָ אין שלום־עליכמס „דער בלוטיקער שפּאַס“ (1944), די פאַרכישופטע כלה“ און לעצטנס שרהלע אינם ספּעקטאַקל „חתונה געהאַט“ (דאָברושינס מאָנטאַזש פון פּרצס נאָוועלן „חתונה געהאַט“ „אין קעלער־שטוב“ און זיין איינאַקטער „ס׳ברענט“). מען קאָן שוין ריידן וועגן דער טעמע פון אָט דער אַקטריסע. די טעמע איז: ליבע פון דער אומשולדיקער יידישער מיידל. אַ צאַרטע בלום, וואָס האָט נאָר וואָס גענומען זיך צעבליען, רייסן זיך אַריין בייזע ווינטן און די בלום פאַרוועלקט. ס׳איז דאָ אַלע מאָל אַ קאַמף פאַר דאָס רעכט פאַר ליבן, סיי פאַר רייזעלען, סיי פאַר חנהלען, סיי פאַר שרהלען. אין עטל ק.׳ס שילדערונג איז דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע — לירישקייט, טרוימערישקייט. אויף אָט די אַלע דריי פיגורן הויערט אַ ראָמאַנטישער אָפּגלאַנץ. אין זיי שפּירט זיך אַ באַזונדערע מוזיקאַלישקייט, אַ מאָדנע פרישקייט, אַ געוויסע נאַיווקייט, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך פאַר ק. באַחנט זייער אירע